Print Date: 10 November 2025. Source: Page 5, Morgn Frayhayṭ - מארגן פרייהייט, 3 January 1944 *** Historical Jewish Press, The National Library of Israel and Tel Aviv University

# היטלער'נ
# געבּורנ

דערציילונג • פון שלום

(פאָרזעצונג)

דער אַלטער צאָל־באַאַמטער שיקעלגרובער האָט שוין געהאַט לאַנג געוואָרפן אויף איר אַן אויג, נאָך אין יענע טעג, ווען זיין צווייט ווייב האָט געשפּיגן אין סובאַטע מיט בלוט, זיך געדושעט מיט איר הוסט אין איינער פון די שטוב־לעכער פון ווירטהויז „צום שוואַרצן ריטער", וואו דער צאָל־באַאַמטער האָט דענסמאָל געוואוינט. מיט זיין ענגאַאיסטישער נאָז, וואָס איז אַזוי שאַרף אויף צו דערשמעקן זאַכן, וואָס מען קאָן פון זיי האָבן עפּעס אַ נוצן, האָט דער צאָל־באַאַמטער דערשמעקט אין פלעצל — דעם שקלאַף פאַר זיינע אַלטע יאָרן. פלעצל וועט זיין אַ געהאָרכיג ווייב, וועט גאָרנישט פאַרלאַנגען פאַר זיך, וועט גאָרנישט באַדאַרפן; זי וועט נאָר לעבן, אַרבעטן, אָטעמען פאַר איר מאַן, דעם קייזער־קעניגלעכן צאָל־באַאַמטן, אין אייביגער דאַנקבאַרקייט, וואָס ער האָט זי געמאַכט פאַר זיין ווייב. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט נעמען אַן אייגענע וואוינונג און אויסמעבלירן אַ שלאָפצימער מיט נייעם מעבל. פלעצל, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט איר אייגנס אַ פאָדים, האָט געזען אין דעם צאָל־באַאַמטן איר ישועה. דער צאָל־באַאַמטער האָט אָבער קיינמאָל ניט געהאַט בדעה צו האַלטן וואָרט. ער האָט נאָר געוואָלט אוועקשנאַפּן פון דעם „שוואַרצן ריטער" דעם שקלאַף פאַר זיך. ער האָט ניט מער ווי איינגעשאַפט זיך עטלעכע טעפּ און טעלער און אַנדערע קיך־מכשירים, וואָס ער האָט זיי באַדאַרפט האָבן פון זיין באַקוועמקייט וועגן, — און פלעצל האָט ער ווייטער געהאַלטן אין דער ווירטשאַפט־קיך. דער איינער חילוק פאַר איר איז געווען, וואָס איצט האָט דער צאָל־באַאַמטער געהאַט נוצן פון איר שקלאַפעריי, ניט דער פעטער. דער קייזער־קעניגלעכער צאָל־באַאַמטער האָט זי איצט פאַרקויפט לענגאַל אין דעם ווירטהויז פאַר אַ דירה מיט מעבל, אַ שטוב מיט אַ קיך, וואָס ער האָט דאָס באַקומען פון ווירטהויז בחינם. פאַר פלעצל'ען האָט ער געהאַט דעם תירוץ, אַז אַ צאָל באַאַמטער ווייס קיינמאָל ניט ווען ער וועט באַדאַרפן ענדערן דעם מקום, איז עס, בכן, גלייכער צו בלייבן וואוינען אין ווירטהויז.

ער האָט אין דער וואוינונג אריינגענומען אַן עלטערע טאָכטער, וואָס ער האָט געהאַט פון אַ פריערדיגער ווייב, האָט אָפּגענומען דירה־געלט פון איר פאַר דער דירה, וואָס פלעצל האָט געצאָלט פאַר דעם מיט איר פראַצע.

עס האָט ניט געהערשט קיין שלום־בית צווישן פלעצל און איר שטיף־טאָכטער, אַזוי אויך ניט צווישן דעם פאַר־פאָלק. פלעצל האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם צאָל־באַאַמטן, וואָס ער האָט געבראָכן זיין וואָרט וועגן אַן איינענער וואוינונג.

ווען שיקעלגרובער איז אריינגעקומען אין דער קיך פון זיין שטוב, האָט ער שוין געפונען פלעצל גרייט מיט'ן הייסן וואַסער אויף אויסצוואַשן זיינע פיס. פלעצל האָט קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיגט, איז קיינמאָל ניט פאַרכאַפּט געוואָרן, אַ ניט־צוגעגרייטע, פון פלוצלינגדיגע געשעענישן. מיט איר צוגעוואוינטער, פאַרביסענער פאַרשוויגנקייט, האָט זי אריינגעטראָגן דאָס הייסע וואַסער פון קעסל, וואָס האָט זיך געקאָכט אויפן אויוון אין איר קיך, אין אַ הילצערן שעפל אריין. און אַ וואָרט פאַר איר מאַן מכוח זיין קומען אַזוי פרי אַהיים, האָט זי דאָס שעפעלע וואַסער אוועקגעשטעלט פאַר דער שטול ביי זייער געמאָלטן, הויך מיט בעטגעוואַנט אָנגעלייגטן בעט, איבער וועלכן עס זיינען געהאַנגען די הייליגע בילדער.

— נו, היינט וועט עס פריער זיין, — זאָגט דער אַלטער און נעמט ווידער מעכאַניש אַרויס דעם זייגער פון קעשענע, — מיט צען מינוט פריער. גיי, פלעצל, מאַך עס געשווינד, וואַרים אויס דאָס בעט, — ווייזט ער אָן מיט דער האַנט אויפן בעט. — דאָס איז געווען איר עבודה יעדן אָוונט אויסצוואַרימען מיט איר קערפּער דאָס בעט. איידער דער אַלטער לייגט זיך אַהין אַריין.

— איך מוז נאָך אַרונטערגיין אין קיך, העלפן די קישקעס אָנפּילן פון דער נעכטיגער שעכטונג, — זאָגט זי, ניט אויפצוהויבן די אויגן אויפן מאַן, און לאָזט אַרונטער די אַרבל פון איר טונקעלן קלייד אָן קאָליר איבער אירע לאַנגע שטעקלדיגע אָרעמס.

— יאָ, פאַרגעסן, חזירים געשאָב־

טען... יעדן מאָל האָ
דערש צו האַלטן דיך
זי האָט געוואוס
דאָב איז, און פאַרש
אירע צוגעפרעסטע ד
האַרטער קנייטש זיך
טיף אַריין אין דער
גאַנצע ביטערקייט פו
איז געלעגן אויסגענג
רע קאַלטע ווי פון צ
שוואַרץ־אויגן האָט
ווי דער פינקל פון
ווען עס שליפעט אוי
כעס פון איר אָפּגענג
— אַלץ איז דער
ריג, — זאָגט דער אַ
פענדיג די שווערע ש
— ער האָט אַרונטער
געשטריקטע דיקע ז
שטעקט מיט קאַנטע
קייט די צעקראָכענע
דעם שעפל הייס וואַ
דער זשאַבע־מאַן
סקאַנדאַל ניט געווען
אין ווירטהויז צו
סחורה.
— אַ סחורה וו
שטעלט צו זיין סחור
מען, ליפעראַנט פון
פירשט פון ליכט
פלעצל געזאָגט, בשע
געביטן איר פאַרטו
געוואַשענעם.
„זיינע ווערטער
צאָל־באַאַמטער געט
עס איז ביי אים כ
געווען פון ווערמען
געהערט.
— דו, פלעצל,
האָט דער צאָל־באַאַ
מיט אַ פינגער, בש
אַרעטירט מיט זיי
ווייק־שעפל.
זי האָט געוואו
רופט זי, דאָך איז
אים. ווי אויף צו
זיך, האָט זי זיך גע
אים און אים דורכ
געשליפענע אויגן,
פונקען האָבן איצט
דער צאָל־באַאַמ
געקנאָטן מיט זיינע
ביינערדיג לייב און
אַ קנייפּ געגעבן:
— דו, פלעצל,
אים געהערט!
קיין גרימאַסע פו
ווייז פון ווייטאָג, נאָ
האָבן אַרויסגעפּינק
פאַרשטיינערט פּניב
געזאָגט:
— נו, און אַז
שוין געשען?
— דאָס קאָן גע
האָט דער אַלטער
מיט אַ פינגער.
— פון מיינעט
— איך פאַרווער
צו רעדן!
— קאָנסט עס
אַז דו ביסט מיר נ
סטו מיר גאָרנישט
— דו, פלעצל,
קייזער־קעניגלעכן ב
רער? — און ער
זיינע פינגער זיך אי
ביינערדיגן לייב אַרי
זי האָט זיך ניט
אַ ביטול'דיגן שמיי
גרימאַסע פון צער
ליפּן האָט זיך אוי
אים געקוקט אין די
— ווען מען אַ
קעניגלעכער באַאַמ
מאַן, גייט מען ניט
בעט אַריין, — האָ
פאַרשטיינערט־טיין
— דו, דו, דו!
ציילן דיין פעטער.
וועט עס הערן . .
— דו וועסט
קייזער־קעניגלעכער
ער האָט געוואו
רעכט, און אין זי
האָט ער זיך געשט
באַפּט פלעצל מיט
הענט און זי געגוי
— אין בעט אַ
נער, מיינע פיס וו
ער געשריען אויפן
— איך האָב
טאָן. איך מוז אַר
טער שטאָפּן קישקע
זאָגט, אַרויסרייסנ
הענט און אים אַזו
דאָס וואַסער פון ש
געגאָסן מיט אַ פל
— יעזוס מאַר
ריאַ? — האָט זיך
פון דער טיר אין ד
וואָס האָט זיך פל
— אין דער טיר אַ
בליבן שטיין אין אַ
האָט צוגעקוקט ווי
טשעט מיט זיינע ג
דער פאַרפלייצטער
דער צאָל־באַאַ
לאָזן זיין אָנמעכ
טאָכטער:
— דו, לאָדער,
שטערן דיין פאָטע
טים מיט זיין פרוי
— אינטים כ
האָט זיך געהערט
דער טיר, וואָס הא
צוגעמאַכט.
— מאָרגן מוזט
לאָזן, האָסט געהע
אַלטער געוואָרפן ניכ
צו זיין טאָכטער ד
טער טיר.
(פאָרזעצ

Print Date: 10 November 2025. Source: Page 5, Morgn Frayhayṭ - מארגן פרייהייט, 7 January 1944 *** Historical Jewish Press, The National Library of Israel and Tel Aviv University

באַשעפעניש, וואָס איז געלעגן לעבן איר.

— נו, יאָ, א אינגל, — האָט דער אַלטער געזאָגט און האָט זיך אוועקגעדרייט פון בעט.

ער איז צוגעגאַנגען צום קליינעם שפיגל, האָט צוגעלייגט די צעשויבערטע האָר אויפ'ן קאָפּ, אויסגעצויגן זיינע פאַרפּוילטע וואָנצעס, צורעכט געמאַכט די קליידער אויף זיך.

— איך האָב שטענדיג געוואָלט האָבען א אינגל, — האָט ער געבראַכט די פרייליכע בשורה אין ווירטהויז אריין.

— אָבער פאַרוואָס האָט מען נאַרישט געהערט? ווי אזוי האָט זי דאָס אליין געמאַכט? — זיינען אַלע ביים פעטער אין ווירטהויז אים באַפאַלן מיט פראַגעס.

— אָ, די פלעצל, זי קאָן אַלץ באַוויַזן, זי איז שטענדיג געווען א בריהטע, — האָט דער פעטער געזאָגט, אַן אויסגעלייגטער.

— איך האָב איר א ביסל צוגעהאָלפען, — האָט דער אַלטער שיקעלגרובער געזאָגט ליגן, כדי צו באַשיצן זיין פלעצל פון וואָסער עס איז חשד.

(פאָרזעצונג מאָרגן)

Print Date: 10 November 2025. Source: Page 5, Morgn Frayhayṭ - מארגן פרייהייט, 11 January 1944 *** Historical Jewish Press, The National Library of Israel and Tel Aviv University

קויפן פאר פיש־כאפן, די אנדערע — צו יוארפן פאר שפייז צו די פארשיידענע ברואים; ער האט זיך צוגעקוקט צום קאמף, וואס עס פירן די יאשטשערקעס מיט די שלאנגען, די זשאבעס מיט די יאשטשערקעס, האט פארשטאנען, באנומען מיט'ן שכל די מלחמה פון די חיה'לעך, האט דאס אלץ מער ליב־געקראגן און זיך געפרייט דערמיט.

מען האט באלד גענומען באמערקן אין דעם אינגל די נייע שטריכן, וואס דאס אומגיין מיט די חיות האט אויסגעבילדט אין זיין כאראקטער. מען האט עס באמערקט סיי אין שול, סיי אין דער היים. אחוץ וואס ער האט פארנאכלעסיגט זיין לערנען, זיינע שול־ארבעטן, האט ער אנגע־הויבן ארויסווייזן אן אוממענשלעכע אכזירות צו די שטוביגע חיות, א סאטאנישע פרייד ביים צוקוקן זיך צום צער פון די ברואים, וואס ער האט געפייניגט. אזוי פלעג ער כאפן א פייגל און אים נישט טויטן אויפ'ן ארט, נאר אריינלאזן אין א שטייג און די שטייג מיט'ן פייגל אונטער־שטעלן דער קאץ פון הויז. זיין פרייד איז געווען זיך צוצוקוקן, ווי די קאץ דרייט זיך ארום דער שטייג פון אלע זייטן, פרואווט אריינשטעקן אירע לאפעס דורך די דרעטלעך, — און דער פייגל אינעווייניג פלאטערט פון ווינקל צו ווינקל, ווערט פאר שראקן אנגעבלאזן; די פעדערן שטע־לען זיך ביי אים אויף, יעדער פע־דערל באזונדער, און ער פארמאכט די אויגן, דערווארטנדיג דעם טויט. דאס אינגל שטייט דערביי און רייצט אן די קאץ אויפ'ן פייגל, ביז דער פייגל פאלט אוועק פאר פחד. אדער ער האט גענומען דיזעלבע קאץ, זי אויפגעהאנגען פאר די פיס, מיט'ן קאפ אראפ, צו א צווייג פון א בוים, און האט צונויפגעבראכט די הינט פון הויף און זיי אנגערייצט אויף דער קאץ. ער האט זיך צוגעקוקט ווי די קאץ ווערט זיך, צאפלט זיך אין טויט־שרעק, און נאכגעקרימט איר גוסס'דיגן „מיאו”... א באלעגאלע פון איינפאר־הויז האט עס איינמאל דערזען, האט ער אים אוועקגעיאגט מיט דער בייטש און באפרייט די קאץ...

(פארזעצונג מארגן)

Print Date: 10 November 2025. Source: Page 5,  Morgn Frayhayṭ - מארגן פרייהייט, 14 January 1944 *** Historical Jewish Press, The National Library of Israel and Tel Aviv University

# היטלער׳ס געבורט

## דערציילונג • פון שלום אַש

(פאָרזעצונג)

עס איז איר עפּעס איינגעפאַלן: פאַרוואָס נישט דעם טייוול אַליין אָפּפאַרטיגן? שאַ . . . וואָס האָט ער עס באַפוילן דוהכ׳ן אינגל? „זאָג דער מאַמען זי זאָל אַרויסקומען און קאָכן מיר אַ זופּ!" — יאָ, דאָס איז עס טאַקע, דאָס איז די שטריק פון איר רעטונג, וואָס גאָט האָט איר צוגעוואָרפן אויף פּטור צו ווערן פון טייוול. האָבן זיי דען ניט געלעבט רואיג די גאַנצע צייט, וואָס דער מאַן איז געווען אַוועק? האָט זיך נישט דער אַלטער שוין געהאַט איינגעשטילט? ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן וואָס עס איז געשען, האָט געהאַט אַפילו געקראָגן אַן אינטערעס אין איר קינד, געזאָרגט פאַר זיין דערציאונג, אים אויסגעשטראָפּט אַמאָל. און אַלע אַרום — האָבן זיי זי נישט געהאַלטן אין כבוד? קיינער האָט מער נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט פון אַמאָל, ביז . . . ביז דער ציגיינער איז געקומען צוריק און האָט גענומען פאָדערן דאָס זייניגע.

### אָפּראַמען דעם טייוול

ווי אַזוי?

„האָט ער ניט געזאָגט, אַז איך זאָל אַרויסקומען אין וואַלד אַריין און קאָכן אַ זופּ? האַלט ער דאָרט ניט אין בלעכענע קאַנען סם פאַר מייז? האָט ער מיר ניט איינמאָל אַליין געוויזן דעם סם? אָבער פון זיכערקייט וועגן וועל איך מיין אייגן ביסל סם מיטברענגען..."

ביי דעם איז זי איינגעשלאָסן.

דעם פרימאָרגן האָט זי זיך געפּעדערט פריער ווי אַן אַנדערש מאָל. האָט אויפגעקאָכט פאַר׳ן צאָל־באַאַמטן זיין פרימאָרגנדיגע קאַווע, האָט אויסגעבאַקט זיינע פרימאָרגנדיגע „קנייד־לעך"; דערנאָך האָט זי שוין איינגעפּאַקט אין זיין קערבל אַ שטיק קעז, אַ שטיק בלוט־קישקע, וואָס זי האָט אַרויפגעבראַכט פון ווירטהויז, אויף מיטצונעמען פאַר זיין מיטאָג־עסן אין צאָל־אַמט אַריין. ווען ער האָט שוין געהאַלטן דאָס קערבל אין האַנט, גרייט צו גיין, האָט זי געזאָגט:

— שיקעלגרובער, און וואָס איז מכוח דעם טראַנספערירן דיך אין אַ גרעסערער שטאָט? ווי האַלט עס מיט דעם? דאָס אינגל וואַקסט, ער מוז גיין אין אַ שול.

— דאָס אינגל וועט גיין אין דער שול פון דעם זשאַבע־מאַן, דאָרט אין וואַלד. די גאַנצע שטאָט רעדט דערפון, — האָט שיקעלגרובער אָפּגעזאָגט, ווי ער האָט איר געגעבן אַ קניפּ אין דעם ביינינן לייב אַריין.

פּלעצל האָט צוגענומען דעם קניפּ אָן דעם מינדסטן קרים אויף איר פּנים.

— דער זשאַבע־מאַן פון וואַלד וועט פאַרשווינדן, — האָט זי געזאָגט.

— האָסט עס מיר שוין איינמאָל געזאָגט, און דאָך איז ער געקומען צוריק.

— דאָס־מאָל וועט ער נישט קומען צוריק.

— נו, דאָס וועלן מיר זען, — האָט דער צאָל־באַאַמטער געזאָגט און איר ווידער אַ קניפּ געטאָן, אָבער שוין ניט אויף איר ווי צו טאָן, נאָר פון זיין פאַרגעניגן וועגן.

דער ווינטער קומט פרי אין דעם טאָל פון די זאַלץ־בערג און דעם זאַלץ־קאַמער־גוט. שוין אָנהויב נאָוועמבער האָבן די גרויסע זאַווערוכעס גענומען אַראָפּברענגען דעם שניי פון די בערג אין טאָל אַריין. דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט געבלאָזן אַזאַ שניי־ווינט, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז פאַרשאָטן געוואָרן אונטער די בערג שניי און אַלע וועגן, וואָס האָבן געפירט פון שטעטל אַרויס, זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן, פאַרוויים פון זאַווערוכעס. אויפ׳ן טאָג, ווען דער שניי האָט אויפגעהערט שיטן, האָבן די שליטנס קוים אויסגעשניטן אַ וועג איבער׳ן שטעטל. די איינוואוינער זיינען אַרויסגעקראָכן פון זייערע הייזער און האָבן אויפגענומען אויפ׳סניי זייער טעגלעך לעבן. אויך די קינדער, וואָס די שניי־זאַווערוכעס האָבן זיי פריי־געלאָזט פון דער שול, האָבן אויף שליטעלעך, אויף הילצערנע גליטשערס געאיילט צוריק אין שול אַריין. נאָך אַכט טעג איז דער שניי שוין געווען אַזוי האַרט און פאַרשטייפט פון דעם פראָסט און די שליטנס, אַז דער קליינער אַדאָלף האָט אין אַ שיינעם זוניגן נאָכמיטאָג זיך אַוועקגעלאָזט מיט זיין שליטעלע אין וואַלד אַריין צו זיין פריינט דעם זשאַבע־מאַן, וואָס ער האָט פאַר דער גאַנצער צייט פון דער שניי־זאַווערוכע ניט־געקאָנט צוקומען צו אים. מיט פיל שוועריגקייט האָט דער קליינער אַדאָלף זיך אַדורכגעשניטן מיט זיין שליטעלע דורך וואַלד־שטעגן צו דעם ביידל, וואו דער זשאַבע־מאַן האָט געוואוינט. ער האָט געפונען די טיר פון ביידל פאַרהאַקט, טיף פאַרגראָבן אין אַ באַרג שניי, אָן קיין שפּור פון אַ טראָט אין ביידל אַריין אָדער אַרויס פון דאָרט. אַדאָלף האָט אַריינגעשריגן הויך אויפ׳ן קול אין ביידל אַריין:

— דו, פעטער! דו, פעטער! דו!

קיין שטימע האָט ניט אָפּגעענטפערט פון אינעווייניג.

מיט גרויס מי האָט ער דערלאַנגט צו דער טיר און מיט ביידע הענט גענומען קלאַפּן אין איר:

— דו, דו, דו, עפן!

קיין ענטפער איז ניט געקומען פון אינעווייניג.

ער האָט געפּרואווט די טיר, אָבער דער שניי איז הויך געלעגן איבער איר און די טיר האָט נישט נאָכגעגעבן. ער האָט נאָכאַמאָל גערופן און קיין ענטפער איז אַלץ ניט געקומען פון אינעווייניג. אין שרעק האָט ער אויסגעדרייט דאָס שליטל און איז געלאָפן מיט אַלע כוחות אַהיים.

— מאַמע, דער מאַן, אונזער קרוב אין וואַלד איז ניטאָ מער. — האָט ער אויסגעשריגן, ווי ער איז אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? — האָט פּלעצל געפרעגט לאַקאָניש. —

— איך בין געווען אינדרויסן. די טיר איז פאַרשאָטן מיט שניי. האָב געקלאַפּט, געקלאַפּט אין דער טיר, אָבער קיינער האָט ניט געענטפערט.

— ביסט דאָרט געווען? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט ניט גיין אַהין, — האָט די מוטער געזאָגט אַזוי רואיג, אָן געבייזער, אַז דאָס אינגל האָט ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן.

(שלוס — מאָרגן)

Print Date: 10 November 2025. Source: Page 5, Morgn Frayhayṭ - מארגן פרייהייט, 15 January 1944 *** Historical Jewish Press, The National Library of Israel and Tel Aviv University

# היטלער׳ס געבורט

דערציילונג • פון שלום אַש

(שלום)

— ווייסט דאָך, מאַמע, אַז איך האָב גערן צו גיין צום מאַן.

— האָסט עס, זאָגסטו, גערן?

— יאָ, מאַמע.

— און דער מאַן איז ניטאָ מער?

— ניין.

— נו, וואָס קאָנסטו טאָן, מיין אינגעל? — האָט די מוטער געזאָגט, אַלץ רואיג און גלייכגילטיג.

— אָבער אַזוי פלוצלונג פאַרשווינדן מיט די אַלע חיה׳לעך, זיך ניט געזעגנט גאָר, — האָט דאָס אינגל געזאָגט מיט צער, כמעט וויינענדיג.

— יאָ, ער טוט שטענדיג אַזוי אָפּ: ער קומט און ער גייט.

— מאַמע, וואָס פאַר אַ קרוב איז ער אונז, איך מיין, דיר און מיר? האָסט עס מיר קיינמאָל ניט געזאָגט.

— דאָס וועסטו אים מוזן אַליין פרעגן, ווען דו וועסט אים טרעפן. אָבער איצט לעץ זיך אַוועק מאַכן דיין שול־אַרבעט. דיין פאָטער, — זי האָט אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט, — קומט באַלד אָן.

— איך האָב נישט גערן די שולע, מאַמע, — האָט דאָס אינגל געזאָגט.

— וועסט באַלד, מיין אינגל, גיין אין אַן אַנדער שולע. מיר פאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט. דאָרט זיינען פאַראַן ריכטיגע שולעס, גימנאַזיעס.

— איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין מיט׳ן מאַן אין וואַלד, זיך לערנען זיין פאַך פון אויסבריען חיות. איך האָב נישט גערן קיין שולעס.

— אויב אַזוי, מוזטו, מיין אינגל, אויסגעפינען וואוהין דער מאַן איז געגאַנגען, — האָט די מוטער אַלץ גערעדט גלייכגילטיג, אָן געבייזער, וואָס דאָס אינגל האָט עס גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין.

אין אַ פאָר טעג אַרום איז מען שוין געוואויר געוואָרן, וואָס עס איז געשען מיט דעם זשאַבע־מאַן. דער וואַלד־אויפזעער, וואָס האָט געהאַט באַמערקט דעם זשאַבע־מאַן אַ טאָג פאַר דעם שניי־שטורעם, האָט נאָכ׳ן שטורעם, ווען ער האָט דערזען די טיר אין ביידל פאַרלייגט טיף מיט שניי, געבראַכט אַהין מענטשן אויף אַוועקצוראַמען דעם שניי. מען האָט אָפּגעראַמט דעם שניי, געעפנט די טיר אין ביידל, און דאָס בילד, וואָס מען האָט דאָרט דערזען פאַר זיך, איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז מען האָט שפעטער אין ווירטהויז זיך נאָר גערוימט ווענגן דעם אויפ׳ן אויער און נישט גערעדט אין דער הויך. מען האָט געפונען דעם זשאַבע־מאַן אויסגעצויגן אויף דער ערד, אַ טויטן, און איבער אים זיינען אַרומגעקראָכן די חיות, וואָס ער האָט אויסגעבריט, די זשאַבעס, די שנעקעס, די עקדישן, די פיפערנאָטערס. זיי האָבן זיך אַרויסגעמאַכט פון די באַליעס וואַסער, וואָס זיינען געווען איינגעפרוירן, און זיינען הונגעריגע אַרומגעקראָכן איבער דער קאַמער. די איינציגע שפייז, וואָס זיי האָבן געקאָנט געפינען אין דער קאַמער, איז געווען דעם זשאַבע־מאַנ׳ס טויטן קערפער, האָבן זיי זיך אַלע געוואָרפן אויף אים. דער קערפער איז שוין געווען צעשעדיגט, צעגריזשעט פון די ציין און זויגערס פון די אַלע מינים יאַשטשערקעס, ווערים און שלענגלעך; אויך מייז האָבן געגריזשעט דעם קערפער. דער טויטער האָט שוין געהאַט פאַרלוירן דעם מענטשלעכן אָנבליק. זיין פנים, זיינע הענט זיינען געווען צעפרעסן.

דער כירורג האָט זיך גע׳מיאוס׳ט צו פאַלמעסן דעם קערפער, כאָטש עס זיינען געווען אין דער קאַמער בולט׳ע סימנים, אַז נאָך אַ מענטש איז דאָרט געווען מיט אים, און אויך דאָס רעשטל זופ אין אַ טעלער האָט געטראָגן אויף זיך אַ פאַרדעכטלעכן אָנווייז אויף סם. עס איז אָבער געווען דערביי נאָך אַ גוטע אורזאַך פאַר דער פאָליציי ניט צו וועלן זיך פאַרנעמען צופיל מיט׳ן פאַל: דער טויטער האָט ניט געהערט צו קיין קריסטלעכער אמונה, נאָר צו געצנדינער פון די ציגיינער, ווי דער דאָקומענט, וואָס מען האָט געפונען ביי אים, האָט אויסגעזאָגט. די פאָליציי האָט ניט געוואָלט זוכן ווייטער די אמת׳ע סיבה פון דעם ציגיינער׳ס טויט און עס דערקלערט פאַר „אַ פאַל פון פאַרפרירונג". דער קערפער איז טאַקע, נאָך אַכט טעג ליגן אין דער קעלט, געווען געליווערט ווי אייז.

דער גלח האָט נישט געוואָלט אים לאָזן באַגראָבן אויף געהייליגטער ערד. די פאָליציי האָט אים אָבער גענייט — און מען האָט דעם טויטן, ווי אַ נבלה, אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב ביי דעם פלויט פון צווינטער, וואָס איז רעזערווירט פאַר פאַרברעכער און ציגיינער.

צו נייעם יאָר איז דער צאָל־באַאַמטער טראַנספערירט געוואָרן אין אַן אַנדער שטאָט. נאָר איידער די פאַמיליע האָט פאַרלאָזט דאָס אָרט, האָט דאָס אינגל אַדאָלף זיך אַרויסגעכאַפט אויפ׳ן צווינטער, גענומען אַ שפיציגן שטיין און אַריינגעזעצט אים אין דער ערד אויפ׳ן קבר פאַר אַ צייכן. ער האָט דערנאָך איינגעשריבן אין קבר אַריין:

„איך וועל געדענקען די ווערטער, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. מיין גאַנץ לעבן וועל איך דיך געדענקען, פאָטער!"

און דאָס אינגל האָט געהאַלטן וואָרט.

נאָך יאָרן און יאָרן איז דאָס אינגל צוריקגעקומען צום קבר. ער איז געקומען צוריק, ווי דער זשאַבע־מאַן האָט געהאַט צוגעזאָגט זיין מוטער: דער הערשער פון דייטשן רייך! ערשט נאָר־וואָס איז דער גורל פון אַכציג מיליאָן מענטשן פון איינעם פון די גרעסטע און ציוויליזירטסטע פעלקער פון דער וועלט איבערגעגעבן געוואָרן אין זיינע הענט. קיין הערשער פאַר אים האָט ניט באַקומען די מאַכט איבער דעם לעבן און דעם טויט פון זיין אייגן פאָלק, ווי זי איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דעם אינגל אַדאָלף; קיין הערשער פאַר אים האָט נישט געוואָרפן אַזאַ שוואַרצן שאָטן פון טויט איבער פעלקער און נאַציעס ווי דאָס אינגל אַדאָלף. איצט איז ער געקומען צוריק, ביינאַכט, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן מאַנטל, אין אַ צילינדער־הוט, באַגלייט מיט אַ שטאַב פון זיינע אייגענע מיליטער־לייט.

מיניסטאָרן, גענעראַלן פון די מעכטיגסטע אַרמייען האָבן געשוואוירן געטריישאַפט צו זיין נאָמען. זיי שטייען אַרום אים, גרייט אויסצופירן זיין באַפעל צו גיין וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק און זי באַצווינגען, כדי צו לייגן זי צו זיינע פיס. דער מאַן אָבער, וואָס אין זיין האַנט און מויל איז איבערגעגעבן דער טויט און דאָס לעבן פון דעם ערד־קוגל, שטייט ביי אַן אומבאַוואוסטן קבר, וואָס ליגט ביי דער וואַנט פון אַ קליינעם בית־עולם אין אַן אָפגעלייגטער שטאָט. קיין מצבה, קיין נאָמען טראָגט נישט דער קבר, נאָר אַ שפיציג־קאַנטיגן שטיין, וואָס דער מאַן האָט איינגלוויין אַוועקגעלייגט דאָרט פאַר אַ צייכן. אונטערטעניג, מיט רעליגיעזער פרומקייט לייגט דער הערשער פון דער וועלט דעם קראַנץ בלומען, וואָס איינער פון זיינע גענעראַלן האָט אים אונטערגעטראָגן, אויף דעם אויסגעגליבענעם, באַשיידענעם קבר און שרייט אַריין מיט אַ הייזעריגער, רויער שטים:

„פאָטער, די שנאה, וואָס דו האָסט מיך געלערנט, האָט מיר אַלץ געגעבן. הייל!"

„הייל!" — האָט די שטאַטלעכע, ווערדיגע סוויטע מיט די צילינדערס אין די הענט אָפגעענטפערט.

די מיליטער־לייט זיינען געשטאַנען אין מיליטערישן סאַלוט.

# פאַשיסטן קריצן מיט די ציין אויף שלום אַש'ס ווערק

ליבעראַלן נוצן שלום אַש'ס ביכער צו באַקעמפן פאַשיזם. — דר. יוסף קלויזנער'ס ביכער וועגן קריסטוס'ן. — פאַרוואָס די קריסטוס־פראַגע איז איצט געוואָרן אַזוי וויכטיג. — די ראָל פון דער „פאָרווערטס"־קליקע.

פון משה באַקאַל

די קריסטוס פּראָבלעם פאַרנעמט איצט אַ וויכטיגן אָרט אין דער אידישער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור — לויטן זעלבינגן אופן ווי שלום אַש האָט עס קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט אין זיין „נאַזאַרין" און „אַפּאָסטאָל".

עס איז כדאַי דאָ צו דערמאָנען דאָס באַרימטע ווערק פון ה. דוש. ענגעלאַוו: „אידישער בליק אויף יעזוס קריסטוס'ן"; די גרויסע בענדער פון דר. יוסף קלויזנער: „יעזוס פון נצרת" און „פון יעזוס ביז פּאָול", וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין העברעאיש און איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש (פאַרלאַג מעקמילען).

אויפן אידישן און אַלגעמיינעם אַמעריקאַנעם לעבן איז שוין אַזאַ טיפער, אַז זיינע לעצטע שאַפונגען ווערן פון פּראָגרעסיווע עלעמענטן באַנוצט צו באַקעמפן דעם בלוטיגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע.

לענן. אַט אויף דעם סימפּאָזיום פון „אידישן פאָרום" האָט גערעדט פּראָפעסאָר רושעיסס ב. גיפאָרד, געהילף „דין" פון קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט יוריספּרודענט אָפּטייל (לאָ סקול) אַף זייט 10 פון פאַמפלעט זאָגט ער:

„עס איז נאַריש צו באַשולדיגן דעם גאַנצן אידישן פאָלק פאַרן טויט פון יעזוס, פּונקט ווי עס וואָלט געווען נאַריש צו פאַרדאַמען דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק פאַרן טויט פון לינקאָלן דערפאַר וואָס זיין מערדער איז גראָד געווען אַן אַמעריקאַנער.

„פון דער זעלביגער וויכטיגקייט צו זיין (שלום אַש'ס) אַנדייטן די אמת'ע שולדיגע אין אַט דער היסטאָרישער פּאַסירונג איז דעם מחבר'ס פראַגע: „פאַרוואָס קען ניט געלייגט ווערן קיין בריק צווישן די צוויי גרויסע מאָראַלע כחות, ווען עס איז דאָך דער גלויבן אין גאָט — אַ בריק וואָס זאָל זיך אָנשפּאַרן אויף די צווילינג־זיילן פון ליבע צו גאָט און ליבע צום מענטשן?"

# ניו יאָרקער לעבן לענגער פון אַנדערע אַמעריקאַנער

דער דורכשניטלעכער לעבנס־עלטער פון ניו יאָרקער איז כסדר געשטיגן זינט 1880, צו 5 און אַ האַלב יאָר פאַר יעדן יאָר־צענדליג. — ציפערן, פאָרעפנטלעכט פון ניו יאָרקער געזונט־דעפּאַרטמענט, וואָס וועקן די פאַנטאַזיע. — פרוּ־ען לעבן לענגער ווי מענער.

פון נ. פאָלאַר

דער ניו יאָרקער געזונט דעפּאַרטמענט האָט די טעג אַרויסגעגעבן אַ קליין ביכל, וואָס באַשטייט פון ציפערן, וואָס מען קאָן בשום אופן ניט אַנוועגן פאַר זיי דאָס וואָרט „טרוקענע".

די ציפערן פון דעם געזונט־דעפּאַרטמענט זיינען אינטערעסאַנט און לעבעדיג. זיי גיבן, קודם־כל, אַן דעם דורכשניט־עלטער פון יעדן ניו יאָרקער מענטשן, סיי מאַן, סיי פרוי, אין ניו יאָרק.

יאָר, לעבט איצט אַ צווייטן לעבן — און ער קאָן אויך דערוואַרטן, אַז דאָס צווייטע לעבן זיינס זאָל זיין מיט אַן ערך 4 יאָר לענגער פון דעם ערשטן.

## אין דעם לאַנד פון פאַנטאַזיע

עס ווילט זיך, ביים אָנהויב פון ניי עם יאָר, זיך אָוועקלאָזן מיט דער פאַנטאַזיע אין דעם פאַנטאַזיע־לאַנד פון אַזעלכע טשיקאַווע ציפערן און זיך פאָרשטעלן, אַז די טאַבעלע פון ניו־יאָרקער לעבנס־דורכשניט, ווי זי האָט אָנגעהויבן ניין אַרויף זינט 1880, אין ציקלען פון צענער יאָרן, וועט זיך ניט אָפּשטעלן — און קלעטערן אַלץ העכער און העכער.

אין 1880 איז דער דורכשניטלעכער לעבנס־עלטער פון אַ ניו יאָרקער געווען, ווי עס ווייזן די טאַבעלן, נישט מער ווי 29 יאָר. צוגעבנדיג נאָך 33 יאָר צו דעם דורכשניט לעבנס־עלטער פון אַ היינטיגן ניו יאָרקער, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז יעדער ניו יאָרקער, וואָס איז אַריבער דעם עלטער פון 29 אין 1940 פאַר ווייסע מענער באַלד 63 יאָר, פאַר ווייסע פרויען — באַלד 67 יאָר.

# די טאָפּלטע בוכהאַלטעריע פון די פירער פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט

א. העלד איז פאַר אחדות. — י. באַסקין זידלט באַלד נאָכדעם די ציוניסטן און העגרי מאַנסקין'ן פון בני ברית. — יעקב פאַט האַלט, אַז מ'אַר'ן נעשאַנאַל וואָר פאַנד און פאַר דער רויטער אַרמיי זאָלן אַנדערע געבן. — צוויי „סעטס" ציפערן.

פון ס. נאָטליב

## וואָס הערט זיך מיט די פינאַנצן?

## פאַר אַמעריקע און פאַר דער רויטער אַרמיי זאָלן געבן אַנדערע

## באַנוצן שלום אַש אין קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם

אָבער די ווירקונג פון שלום אַש'ן

# אויסזיכטן אויפן היים־פראָנט אין 1944

(שלוס פון זייט 4)

טאַמאַס „סאָציאַליסטן", די פּראָגראַם פון „צעשיסן דעם סטאַלין רעזשים", אָנגעפירט פון דעם קאַהאַן־אַבראַמאָוויטש־דובינסקי־כאַגין בינטל. די דעפיטיסטישע עלעמענטן אין דער אַרבעטער באַוועגונג אַרבעטן מעשים, כדי ניט צו דערלאָזן צו טרעיד־יוניאָן אייניגקייט אויף אַ נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם.

TOMORROW
The Magazine of the Future
presents
The Birth of Adolf Hitler
First of a powerful two-part story
by SHOLEM ASCH
Based on material gathered by the author at Hitler's birthplace, with further articles, poetry and book reviews.
JANUARY 1st On All Newsstands 25c
ספּעציעלער סעמפּעל אָנבאָט! פינף נומערן, איינשליסענדיג יאַנואַר און פעב., בלויז $1. שיקט טשעק אָדער מאַני אָרדער צו:
TOMORROW, 11 East 44th Street, New York.